

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג הפסח
~מוגדל~
השפיע לפייק
גליון קס"ב

## פראגע

### וואס קענען מיר טראכטן בשעת מיר זענען פארנומען מיט די הכנות פאר פסח?

## ענטפער:

איין זאך אויף וואס מ'קען אוועקגעבן צייט איז אריינצוטראכטן אז דאס אידישע פאלק זענען **צמאים לעבודת יוצרם** – זיי זענען דורשטיג פאר מצוות. פשוט'ע אידן האלטן די תורה מיט זייער גאנצע הארץ. מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך גרייטן צו דעם פסח, עס איז נישט קיין גרינגע ארבעט אבער דאך טוען זיי עס.

געוויסע מענטשן ווילן זיך ארויסדרייען פון די ארבעט פאר פסח – זיי ווילן גיין אין א האטעל. אבער די וואס זענען דורשטיג פאר מצוות דרייען זיך נישט ארויס פון די ארבעט. זיי **ווילן** ארבעטן ווייל ס'איז א מצוה. ס'איז שווער, ס'איז נישט גרינג – היינט איז דאפלט שווער ווייל ערב פסח איז שבת, אבער זיי טוען עס מיט א שמחה. זיי גייען זיך נישט ארויסדרייען פון זייערע אויפגאבעס. מען ברענגט זאכן אריין און ארויס; אריינברענגען די פסח'דיגע כלים, ארויסטראגן די חמץ – אלע סארט הכנות.

איך רעד נישט יעצט וועגן טוישן די פארהענג. טוישן די פארהענג איז נישט וויכטיג. אויב איר ווילט מאכן א פרילינג הויז-רייניגונג, איר ווילט טוישן די פארהענג, בין איך עס מוחל. אבער אנצוגרייטן דעם פסח איז זייער א גרויסע מצוה! און זייער אסאך, זייער פשוט'ע מענטשן הארעווען אריין צוצוגרייטן דעם פסח! מ'דארף דאס שעצן. זיי זענען צמאים, זיי זענען דורשטיג צו טון דעם רצון ד'. מיר זענען שוין אזוי צוגעוואוינט עס צו זען אז מיר שעצן עס נישט גענוג. אבער יעצט איז א גוטע צייט צו טראכטן דערוועגן.

מיר דארפן זיך טרענירן צו זען די גרויסקייט פונעם עם ישראל, ווי סך מענטשן זענען גרייט צו טון כדי אויסצופירן די פרטים פון די מצוות. עס איז זייער א וויכטיגע שלימות דאס צו שעצן. נישט קיין חילוק ווי גרויס איר זענט אין עבודת השם, ווי גרויס איר זענט אין ידיעת התורה, דארפט איר צולייגן אויך אט די אינפארמאציע, איר דארפט צולייגן צו אייער פערזענליכקייט א שעצונג צו דעם עם ישראל. (E-270)

## פראגע

### וואס איז די בעסטע עבודה צו ארבעטן דערויף דורכאויס דעם פסח-סעזאן?

## ענטפער:

די ערשטע זאך "בעבור זה עשה ד' לי בצאתי ממצרים" – טראכט וואס דער אויבערשטער האט געטון צו דיר. וואס ער האט געטון פאר דיר איז אז ער האט דיר געמאכט פאר א מענטש מיט אן עתיד; דו לעבסט אויף דער וועלט פאר א תכלית. ער האט דיר געגעבן א תורה און דיר געלערנט וויאזוי צו פראדוצירן מעשים טובים, וויאזוי צו לעבן ריכטיג, כדי דיר צו געבן גליקליכקייט אויף אייביגע אייביגקייטן אין עולם הבא.

אלזא, מיר דארפן דאנקען השי"ת פאר'ן אונז ארויסנעמען פון מצרים, ווייל ווען ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים זענען מיר פטור געווארן פון די גוי'אישע השפעות. ער האט אונז גענומען אין מדבר וואו מיר זענען געווען אינגאנצן אליינס, "הן עם לבדד ישכון" – מיר האבן געוואוינט אליינס. מיר האבן נישט קיין פארבינדונג מיט די גוים, און ער האט אונז געגעבן די תורה. דערפאר איז יציאת מצרים געווען אזא געוואלדיגע גרויסע שמחה.

אבער מיינט נישט אז דאס איז א נאציאנאלע שמחה אויף א נאציאנאלע שטאפל. ניין, "בעבור זה עשה ד' **לי**" – יעדער איינער זאל טראכטן אז ער איז דער וואס איז ארויסגעקומען פון מצרים, ווייל מיר באקומען די בענעפיטן פון יציאת מצרים.

דערפאר איז נישט דא קיין עק צו די הכרת הטוב וואס מיר דארפן האבן. צוליב יציאת מצרים זענען מיר געווארן **משועבד** צו **הכרת הטוב** פאר'ן באשעפער אויף אייביג. אונזער גאנצע לעבן "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך" – דו

זאלסט קיינמאל נישט פארגעסן וואס ער האט געטון פאר דיר. פאר דיר, פערזענליך. אזוי דארף מען געדענקען יציאת מצרים. דאס איז די ערשטע פון אלע מחשבות.

**פראגע**

## וויאזוי קען א מענטש אנהאלטן א התלהבות אין מצוות?

### ענטפער:

ס'איז דא צוויי וועגן; א חיצוניות'דיגע וועג און אויך א פנימיות'דיגע וועג.

די חיצוניות'דיגע וועג איז צו טון מצוות מיט א **געמאכטע התלהבות**, אן איבערנאטירלעכע ענטוזיאַזם. ווען מען טוט עפעס פארשלאפענערהייט, שלאפט מען איין. ווען מען טוט עפעס מיט א ברען, ווערט מיט התלהבות'דיג. צום ביישפיל, לאמיר זאגן ביים סדר ווען איר נעמען די מצה אין די האנט און איר וועט זאגן, "אהה! מצה!!" און "הננו מוכן ומזומן" און איר רעדט וועגן די גרויסקייט פון די מצוה, אפילו אייער מח איז אויסגעלאשן אבער דורכ'ן טון די חיצוניות'דיגע פעולות **החיצוניות מעוררות את הפנימיות** – טון געוויסע אויסערליכע פעולות וועט אויפוועקן די פנימיות.

וועגן דעם, אויב זענט איר דער טאטע אינדערהיים, בעפאר איר וואשט זיך די הענט זאלט איר זאגן: "קינדער, מיר גייען יעצט מקיים זיין א מצוה דאורייתא פון בערב תאכלו מצות. ס'איז א מצוה דאורייתא היינט נאכט צו עסן מצה. מארגן וועט עס שוין נישט זיין קיין מצוה דאורייתא. מען קען טאקע נישט עסן קיין חמץ מארגן אבער היינט נאכט איז די כזית מצה פונקט ווי לייגן תפילין; ס'איז די זעלבע מצוה דאורייתא, אזוי וויכטיג איז עס. און די מצוה גייט אונז אנפילן מיט קדושה; אשר קדשנו במצותיו. און מ'דארף אינזין האבן אז ס'איז זכר ליציאת מצרים, מ'דארף אריינלייגן די גרעסטע כוחות." אזוי זאל א טאטע רעדן צו זיינע קינדער – אפילו ער שפירט עס נישט.

אזוי וועט דער טאטע – דורך אויסערליכע מעשים, בלויז דורכ'ן רעדן די ווערטער – און אזוי אויך די קינדער וואס הערן צו, וועלן טון די מצוה מיט א געוויסע אויסערליכע התלהבות, און מיר דארפן וויסן ווי ווערטפול עס איז.

וועגן דעם ווען מען קומט צום דאווענען אינדערפרי, אויב וועט איר זיך אראפזעצן און שטיל מורמלען "הודו לד' כי טוב", וועט איר איינשלאפן. אבער אויב איר זאגט הויעך מיט א ברען "הודו לד' כי טוב!" דאן וועקט מען זיך אויף; דיינע ווערטער וועקן דיר אויף און מען באקומט התלהבות. אזוי דארפן מיר טון אלע מצוות. די חיצוניות וועקט אויף די פנימיות.

אלנפאלס, א צווייטע מער יסודות'דיגע וועג איז צו **פארשטיין** וואס מען טוט. און דאס איז וואס מיר האבן גערעדט היינט נאַכט. געבט אוועק צייט צו **טראַכטן**! לערנט וויאזוי צו טראכטן! ס'איז א זעלטענע פראַקטיצירונג פאר רוב מענטשן. האט איר שוין אמאל געטראכט פאר פינף מינוט איבער איין נושא? האט איר שוין אמאל געטראכט פינף מינוט וועגן מצה? לאמיר רעדן אמת'דיג; איר האט עס קיינמאל נישט געטון...

זעצט אייך אראפ פאר פינף מינוט בעפאר פסח, און טראכט וועגן די מצה; זיצט פינף מינוט און טראכט וועגן יציאת מצרים. זאג מיר נישט אז דו טראכסט וועגן דעם די גאנצע נאכט פונעם סדר, דעמאלטס טראכטסטו נישט; דו זאגסט סתם ווערטער.

ווען א מענטש לערנט זיך **די חכמה פון טראכטן** ווערט ער אן אנדערער מענטש. איך האב א פראגראם פאר מענטשן וואס ווילן עס טון, א פראגראם זיך אויסצולערנען וויאזוי זיך צו קאנצענטרירן פאר פינף מינוט אין מחשבה. ס'איז העכסט-וויכטיג זיך צו לערנען דעם טאלאנט; אויב איר לערנט וויאזוי עס צו טון ווערט איר אן אנדערע פערזענליכקייט. ווען איר לערנט וויאזוי צו טראכטן וועגן זאכן, וועט איר באקומען טיפקייט און פארשטאנד וואס אנדערע האבן נישט.

און דאן וועט אייער התלהבות ווערן אנגעצינדן; ס'וועט זיין פונקט ווי גיסן אויל אויף פייער. יעדעס מאל איר וועט אויפפרישן אייער מחשבה וואס איר האט אריינגעלייגט אין דער מצוה – ווען איר וועט זיך דערמאנען וואס איר האט געטראכט דערוועגן – איז עס ווי גיסן אויל אויפ'ן פייער און די התלהבות וועט ברענען און לייכטן. (# 504)

**פראגע**

## עס שטייט אין די משנה: "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה" - א פרייער מענטש איז נאר איינער וואס לערנט תורה (אבות, ו, ב). וויאזוי מאכט די תורה א מענטש פאר א בן חורין?

### ענטפער:

קוק אויף די וועלט: זיי זענען אלע שקלאפן, זיי זענען פארשקלאפט צו די נארישע צייטונגען; אלע נארישע געדאנקען גייט אריין אין זייער קאפ. זיי זענען אלע קנעכט! זיי זענען קנעכט צו די סטיילס פונעם טאג, זיי זענען קנעכט צו וואס עס גייט פאר ארום זיי; אויב מען ליינט די צייטונגען איז מען א שקלאַף. מען איז פארשקלאפט צו די טפשות פון דער וועלט. די תורה לערנט אונז אז ס'איז גארנישט, אלע זאכן זענען ווערטלאָז; די איינציגסטע זאך וואס איז וויכטיג איז צו זיין נאנט צום איבערשטן, און צום דבר השם.

די גאנצע וועלט איז פיל מיט שקר, און דאס איז די גרעסטע קנעכטשאפט. אונזערע מוחות זענען געבינדן, ס'איז פארקניפט מיט אלע שקרים פון די וועלט ארום אונז. אפילו די פרומע וועלט איז פול

מיט שקר ווייל זיי לעבן מיט גשמיות איבעראל ארום זיי. איר דארפט וויסן אז גשמיות איז נישט וויכטיג; עבודת השם איז וויכטיג. מדות טובות, אמונה, חסד, תלמוד תורה, דאס איז וויכטיג.

וויאזוי לערנט מען דאס? מען לערנט עס נאר פון די תורה. **די תורה עפנט די מח פריי** פון אלע קייטן פון פארשקלאפונג צו די מיינונגען פון די וועלט. אלע זאכן וואס ווערן געשריבן אין די ביכער זענען שקר, ווייל ס'איז פאבריצירט דורך מענטשן, און דער מענטשליכער מין איז כולו שקר, ווייל זיי האבן נישט דעם מקור פון אמת. עס איז נאר פאראן איין מקור פון אמת, און דאס איז די תורה הק'.

דעריבער נאר ווען מען לערנט תורה איז מען א בן חורין – פריי פון אלע שקרים פון עולם הזה.

## פראגע

**וואס ענטפערט מען פאר מענטשן וואס זאגן אז רעגיגען און זיינע קאָנסערוואַטיווע פאליסיס שעדיגן די ארימע מענטשן און איז שלעכט פאר ישיבות?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז, ס'איז שקר וכזב. איר דארפט פארשטיין אז רעגיגען העלפט מענטשן אין די בעסטע וועג. אודאי ווערט ער צוריקגעהאלטן דורך מענטשן ווי סאלארז און אנדערע ליבעראלן אין קאנגרעס וואס פארשווערן זיין ארבעט אויף טריט און שריט. אבער יעצט אין זיין צווייטן טערמין, ווען ער ווייסט אז ער דארף שוין נישט טראכטן וועגן ווידערערוויילונג, קען ער באמת זיין זעלבסטשטענדיג און אויפטון נאך מער.

רעגיגען האט גענידערט טעקסעס. ער האט פרובירט דאס בעסטע צו נידערן שטייערן. וויניגער שטייערן מיינט אז מען באצאלט וויניגער פאר א פונט קארטאפל. נאַרט אייך נישט. און אפילו די פאליטיקאנטן קומען אהער, א לאקאלער פאליטיקאנט וועט אהערקומען און זאגן, "קוק, מיר באקומען געוויסע גרענטס פון די רעגירונג, און די ישיבות קענען נוצן די פראגראמען, און רעגיגען וויל שניידן פראגראמען," ווערט נישט פארנארט דורך די ליבעראלע פאליטיקאנטן. מיינט נישט אז די פראגראמען וועט מען באקומען פאר גארנישט. מען באקומט טאקע עפעס יעצט, אבער מען וועט צוריקצאלן פיל מער אין אנדערע וועגן; ווייל די ישיבות באקומען בלויז א ברוכטייל פון די גרענטס. צי ווייסט איר וואו די גאנצע געלט גייט?

איינמאל די פרינציפ פון געבן עפעס פאר גארנישט ווערט גענוצט, ווייסן די אנדערע וויאזוי צו באקומען מער. די ישיבה-מענטשן זענען נאך אלעם נאר א פיצינקע חלק פון די רעגירונגס אויסגאבן. די פראגראמען וואס העלפן די ישיבות זענען כמעט גארנישט. אבער די געלטער וואס גייט פאר אנדערע – איך וויל אפילו נישט זאגן פאר וועם – אבער ס'איז אויסגעפאטשקעט געלט אין די ביליאנען! און עוונטועל קומט עס ארויס פון דעם ישיבה-מאַנ'ס טאש.

דא באקומט דער ישיבה-מאן, לאמיר זאגן א גרענט פון די רעגירונג. יעצט גייט ער אין געשעפט אין צאלט פיל מער. ער דארף שפענדן געלט פאר די פראדוקטן וואס ער וואלט ווען באקומען פאר פיל וויניגער אויב שטייערן וואלטן גענידערט געווארן. קארס קאסטן מער ווען שטייערן ווערן געהעכערט און דערפאר איז טראנספארטאציע טייערער. במילא, שפארט מען זיך גארנישט קיין געלט דורכ'ן באקומען פראגראמען פון די רעגירונג.

די אלע לאקאלע פאליטיקאנטן האנדלען מיט די נארישע מאסן און זיי שלאגן זיי פאר פראגראמען ווייל פראגראמען ברענגט זיי שטימען. אבער די פראגראמען קומען פון זייער אייגענע געלט! עס איז נאריש ווי ס'קען נאר זיין! ס'איז א ליגנט אז רעפובליקאנער העלפן די רייכע מענטשן; ווייל ווען די רייכע מענטשן דארפן העכערן די פרייזן פאר קארס; פרייזן פון אייזן, ווייל זיי מאכן נישט גענוג פראפיט, גייט דער פשוט'ער מענטש צום סוף באצאלן דערפאר. נארט אייך נישט. יעדער וועט דארפן באצאלן. און דערפאר פארדינט קיינער גארנישט ווען די רעגירונג פארפאטשקענען ביליאנען! ביליאנען אויף ביליאנען ווערט אויסגעווארפן.

נישט נאר אויף גארנישט. געלט ווערן פארפאטשקעט צו העלפן קרימינאל פארמיידן יוסטיץ. די "ליגעל עיד סאסייעטי" איז הונדערט פראצענט פארפאטשקעטע געלט. אמאליגע צייטן האט אן ארימער פארברעכער געוואוסט אז עס לוינט זיך נישט צו שפילן מיט'ן געזעץ. ווייל ער גייט גיין אין תפיסה. ער וועט ווערן פאראורטיילט. היינט האט ער טייערע אדוואקאטן אויסגעצאלט דורך די רעגירונג – לויערס וואס העלפן מערדער זיך ארויסדרייען מיט גארנישט, חוץ פראהבעיישאן.

ריזיגע סומעס ווערן געגעבן דורך די רעגירונג צו קאמוניסטישע לענדער. אודאי, מענטשן ווי סאלארז און אנדערע זענען פריינד מיט די קאמוניסטישע לענדער. און די אלע הלואות וועט מען קיינמאל נישט צוריקבאקומען. אמעריקאנער בענק דערטרענקען זיך צוליב דעם און יעצט ווילן זיי אז די רעגירונג זאל זיי ראטעווען.

און דעריבער, די אלע גוטהארציגע זאכן וואס די ליבעראלן טוען מיט אונזער געלט, קומען ארויס פון אונזער טאש, און צום סוף מיינט עס אז מיר דערליגן. (#520)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

**קאסטום לויט אייער געשמאק**







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**